Digitales Brandenburg

hosted by Universitätsbibliothek Potsdam

Dos jidiše folk in tzifern

Leštzinski, Jankev

Berlin, 1922

טלוו רעד ןדיא לאצ יד .1 לטיפאק.

urn:nbn:de:kobv:517-vlib-8340

Visual Library

קאפיטל 1

די צאל אידן אין דער וועלט.

וויפיל זיינען פאראן איצט אידן אין דער גאנצער וועלט?

אט דאס איז די ערשטע וויכטיגע פראגע, וועלכע מע מוז פארענטפערן, נאך איידער מע טרעט צו אויפצוקלערן, ווי די פארשפרייטונג פון אידן אין פאר־שידענע מקומות, אזוי אויך דעם אינעווייניגסטן בוי פון אידישן פאלק. אויף דער דאזיגער ערנסטער פראגע קאן מען אבער געבן נאר א בערכ׳דיגע תשובה און אט פארוואס. ראשית, זיינען פאראן א סך מלוכות, וואו אידן זיינען דא אין א גאנץ גרויסער צאל און וואו ס׳איז נאך עד היום ניט געווען קיין איין פאלקס־ציילונג (כמעט אלע מלוכות אין אזיע, די גרעסטע צאל מלוכות אין אפריקע); שנית, זיינען פאראן א סך מאדערנע לענדער, וואו ביי די פאלקס־ציילונגען ווערט ניט אנגעוויזן, צוליב פאלשע אדער נאאיווע פאליטישע טעמים, ניט די נאציאנאליטעט, ניט די רעליגיע, און די צאל אידן אין די דאזיגע לענדער קאן אויך ניט אנגעוויזן ווערן מיט דער געהעריגער פינקטליכקייט (ענגלאנד, די פאראייניגטע שטאטן, פראנקרייך און אנדערע); און דריטנס, זיינען פאראן אייניגע לענדער, וואו די לעצטע פאלקס־ציילונגען זיינען פארגעקומען צוריק מיט צוואנציג אדער נאך מער יארן, און פאר דער דאזיגער ציים זיינען פארגעקומען וויכטיגע ענדערונגען אין דער צאל אידן. נעמען מיר, למשל, רוסלאנד, וואו ס׳געפינט זיך כמעט א העלפט פון אלע אידן פון דער גארער וועלט, איז די לעצטע פאלקסציילונג געווען אין 1897־טן יאר, און פאר די פארגאנגענע צוויי און צוואנציג יאר זיינען געווים פארגעקומען גרינגדליכע שינוים. דער נאטירליכער צוּוואקס, די עמיגראציע, די צוויי מלחמות, די צוויי רעוואלוציעס און די פאגראמען — די דאזיגע אלע געשעהענישן האבן דאך א סך איבערגעביטן אין דעם פרט.

ניט געקוקט אויף די אלע אויסגערעכנטע חסרונות און דעפעקטן, מוז מען זאגן, אז די אלגעמיינע צאל אידן, וואס ווערט אנגעוויזן פון פארשיידענע סטא־טיסטיקער, איז דאך קרוב לאמת און אנטשפרעכט אין א געווג גרויסער מאס דער ווירקליכער לאגע פון דער זאך. מיר וועלן זיך דא ניט אפשטעלן אויף

די מעטאדן און השערות, וואס ווערן איינגענוצט פון פארשיידענע סטאטיסטיקער ביים פעסטשטעלן די בערך'דיגע צאל אידן אין דער וועלט, — מיר וועלן נאר צונעבן, אז די וויסנשאפטליכע סטאטיסטיק ווייזט אן גענוג מיטלען און דרכים, ווי אזוי אויסצומיידן גרויסע טעותן און ווי אזוי צו מאכן די השערות און אויסרעכענונגען וואס נאהענטער צום אמת.

לויט די השערות און אויסרעכענונגען פון טרימש איז אין 1915־טן יאָר געווען אויף דער גארער וועלט — 14,340,000 אידן. לויט די דאטן, וואס זיינען געווען פובליקירט פון אידישן סטאטיסטישן קאמיטעט אין האַאַג, קומט אויס, אז אין 1915־טן יאר איז געווען 13,800,000 אידן.

ס'איז קלאר, אז דאס אידישע פאלק באשטייט ביי היינטיגן טאג ניט ווייניגער ווי פון 14 מיליאן נפשות. דאס איז אזא צאל, צו וועלכער די אידישע נאציע האט ניט דערגרייכט אפילו אין די בעסטע און שענסטע פעריאדן פון איר געשיכטע. צו דער צייט פון חורבן בית שני זיינען געווען אידן אין דער גארער וועלט בערך פון 4½ ביז 5 מיליאן נפשות — דאס איז די מאקסימאלסטע ציפער, צו וועלכער די צאל אידן איז דערגאנגען פאר דער גאנצער עפאכע פון דער אלטער אידישער געשיכטע. אין משך פון לאנגען גלות ביזן 17־טן יאר־הונדערט האט זיך די צאל אידן ניט נאר ניט פארגרעסערט, נאר א סך פאר־קלענערט. די גרויסע שטארבליכקייט, די שמדן, די רדיפות און תרינות, שחיטות און גנישות האבן געבראכט דערצו, אז צום סוף פון 17־טן יארהונדערט איז געווען אויף דער גארער וועלט קוים איין מיליאן אידן. און ערשט אין 18־טן און דער עיקר אין 19־טן יארהונדערט זיינען באשאפן געווארן די עקאנאמישע און פאליטישע באדינגונגען, וועלכע האבן געגעבן א מעגליכקייט דעם אידישן פאלק צו פארגרעסערן זיך אין צאל און דערגרייכן די גרויסע ציפער פון 14 מיליאן נפשות. אין משך פון 18־טן יארהונדערט איז די צאל אידן אויסגעוואקסן בערך 2½ מאל, און האט דערגרייכט צום סוף פון דעם יארהונדערט ביז 2½ מיליאן נפשות. אין משך אבער פון 19־טן יארהונדערט איז די צאל אידן פארגרעסערט געווארן פון 4 ביז 5 מאל און האט דערגרייכט צום אנהויב פון 20־טן יאר־הונדערט ביז 12 מיליאן נפשות.

דער יערליכער צוואקס פון אידן אין דער גאנצער וועלט איז געווען, פאר דער וועלט־מלחמה, ניט ווייניגער פון 180 טויזנט נפשות, ד. ה. אז אלע זעקס יאר איז צוגעקומען בערך א מיליאן אידן.

אין משך פון גאנצן מיטלאלטער און אפילו אין אנהויב פון דער נייער

צייט איז דער וואוקס פון אלע אייראפייאישע פעלקער געוועז קליין און נישט. די גרויסע שטארבליכקייט, די אפטע מגפות און עפידעמיעס און די לאנג־יאריגע שרעקליכע מלחמות פלעגן אפט איינשלינגען און פארניכטן א סך מער מענשן, ווי דער נאטירליכער צוואקס פלעגט געבן. ערשט אין ניינצטן יארהונדערט הויבט זיך אן א גרויסער צוואקס ביי אלע אייראפייאישע פעלקער. אין 1804־טן יאר איז געווען אין אייראפע 191 מיליאן מענשן. אין 1910־טן יאר איז שוין געווען אין אייראפע — 452 מיליאן נפשות, כמעט 2½ מאל מער. געבן מיר צו צו די אייראפייאישע איינוואוינער נאך די אמעריקאנישע הונדערט מיליאן, — ווייל דער גרעסטער רוב פון די לעצטע איז אדער געקומען אליין פון אייראפע אדער ער קומט ארויס פון אייראפייאישע עלטערן, — און מיר וועלן באקומען, אז די אייראפייאישע פעלקער זיינען אויסגעוואקסן פון 191 מיליאן אין 1804־טן ביז 552 מיליאן אין 1910־טן יאר, ד. ה. אז זיי האבן זיך פארגרעסערט כמעט אויף דריי מאל.

די צאל אידן איז אויסגעוואקסן אין משך פון 19־טן יארהונדערט צווי מאל שטארקער, ווי די צאל פון אלע אייראפייאישע פעלקער. מיט וואס דערקלערט זיך דאס? די הויפט־סיבה דערפון באשטייט אין דעם, וואס אין משך פון גאנצן 19־טן יארהונדערט איז ביי אידן אומעטום די שטארבליכקייט באדייטנד קלענער, ווי ביי די פעלקער, צווישן וועלכע זיי לעבן. ווי מיר וועלן זעהן שפעטער, איז אפילו אין די ארימסטע קווארטאלן פון די גרויסע שטעט די שטארבליכקייט ביי די אידן פון די דאזיגע ערטער א סך קלענער, ווי ביי דער ניט־אידישער באפעלקערונג. און פארגלייכט מען די שטארבליכקייט ביי די אידישע רייכע קלאסן מיט דער שטארבליכקייט ביי די זעלבינע קלאסן פון דער ארומיגער באפעלקערונג, באקומט מען אויך דעם איינענעם רעזולטאט.

פארשטייט זיך, אז די קלענערע שטארבליכקייט ביי דער אידישער באפעלקערונג איז ניט קיין רעזולטאט פונם מיסטישן ראסן־גייסט אדער פונם מאראלישן „רוח היהדות“. ס'זיינען פאראן א סך ערדישערע און דעריבער פארשטאנדליכערע דערקלערונגען. אויף איינע פון זיי וועלן מיר דא אנווייזן. דאס אידישע פאלק טרעט אריין אין קאפיטאליסטישן 19־טן יארהונדערט מיט א געוויסער אימוניטעט הן בנוגע צו דער שטאט, וואס ווערט דער צענטר פון גרויסע קאמפאקטע מאסן, הן בנוגע צו די שטאטישע פראפעסיעס, וועלכע הויבן אן באשעפטיגן צענדליגער מיליאנען מענשן. דער איד קומט פון שטאט און שטעטל, פון שיינק און קראם, פון קלייט און ווארשטאט; די ניט־אידישע

באפעלקערונג קומט פון דארף און מאיאנטעק, פון אקער־אייזן און באל־סאלאף. די נייע לופט פון דער שטאט און פון די שטאטישע פראפעסיעס האט גענוצט דעריבער נאר אנדערש ווירקן אויף דער נים־אידישער באפעלקערונג, ווי אויף דער אידישער. און די דאזיגע נייע שטאטישע לופט האט געווים א סך מעלות, נאר אויך ניט ווייניג חסרונות. די איינגשאפט אין די שמאלע שטאטישע גאסן און געסלאך, די סמ׳ענדיגע לופט פון די פאבריקן און ווארשטאטן — דאס אלץ האט א שטארקן איינפלוס אויף דער שטארבליכקייט פון די איינוואוינער. און נואס ווייניגער דער אדער יענער טייל פון דער באפעלקערונג איז צוגעפאסט צו די דאזיגע פארפעסטעטע געסלאך און צו דער פארסמטער לופט פון די פאבריקן און ווארשטאטן, אלץ גרעסער איז ביי אים די שטארבליכקייט.

פראגעס.

1. פארוואס קאן מען ניט וויסן גענוי די צאל אידן אין דער וועלט?
2. אין וועלכע מלוכות זיינען נאר ניט פארגעקומען קיין פאלקס־ציילונגען?
3. אין וועלכע מלוכות ווערט ניט אנגעוויזן ביי די ציילונגען ניט די נאציאנאליטעט, ניט די רעליגיע?
4. ווי־לאנג איז שוין ניט געווען קיין פאלקס־ציילונג אין רוסלאנד?
5. וויפיל זיינען פאראן בערך אידן אויף דער גארער וועלט?
6. וויפיל זיינען געווען אידן צו דער צייט פון חורבן בית שני?
7. וויפיל זיינען געווען אידן צום סוף פון 17־טן יארהונדערט?
8. וואסערע סבות האבן גורם געווען אין דער פארקלענערונג פון דער צאל אידן?
9. ווען הויבט זיך אן דער וואוקס פון דער אידישער באפעלקערונג?
10. אויף וויפיל מאל האט זיך פארגרעסערט די צאל אידן אין 18־טן יאר־הונדערט? אין 19־טן יארהונדערט?
11. ווי גרויס איז געווען דער יערליכער צוואקס ביי דער גאנצער אידישער נאציע פאר דער מלחמה?
12. אויף וויפיל מאל האט זיך פארגרעסערט די אייראפייאישע באפעל־קערונג פארן 19־טן יארהונדערט?
13. פארוואס איז ביי אידן געווען דער צוואקס שטארקער?
14. ווי דערקלערט זיך די קלענערע שטארבליכקייט ביי דער אידישער באפעלקערונג?